UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title

Shulmans “Portretn Un Etyudn”, Podriatshiks “In Profil Fun Tsaytn” (Schulman’s “Portraits and Etudes”, Podriatchik’s “In the Profile of the Times”)

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/4jf8w36g

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 94(1)

**Author**
Shloser (Schlosser), Zalmen (Zalman)

**Publication Date**
1979-09-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# שרייבערס און ביכער

זלמן שלאָסער

## צוויי פרעמירטע ביכער

1. „פאָרטרעטן און עטיודן", אליהו שולמאַן / ניו־יאָרק
2. „אין פראָפיל פון צייטן", אליעזר פאַדראַטשיק / ישראל

היינטיקס יאָר האָט דער יידישער קולטור־קאָנגרעס פרעמירט צוויי ביכער אויף אַן ענלעכער טעמאַטיק: „פאָרטרעטן און עטיודן" פון אליהו שולמאַן, ניויאָרק, און „אין פראָפיל פון צייטן", פון אליעזר פאָדריאַטשיק, ישראל. ביידע ביכער באַשטייען פון געקליבענע קריטישע ליטעראַטור אָפּהאַנדלונגען און ליטעראַטור געשיכטלעכע פאָרשונגען וואָס וועלן שטאַרק צוניץ קומען סטודענטן און יידיש לייענער בכלל.

עס קען זיין אַז נאָך ביכער פון דעם מין זיינען דערשינען וועגן וועלכע מיר ווייסן נאָך נישט. און אויב אפילו מיר זאָלן נאָך צורעכענען די באַזונדערע עסייען אויף אָט דעם געביט, וואָס ווערן געדרוקט אין פאַרשיידענע יידישע זשורנאַלן, וועלן מיר נאָך אַלץ נישט קענען זיך איבערנעמען מיט אַן איבערפלוס פון אַזעלכע שטודיעס. אָט דער געביט נייטיקט זיך נאָך אַלץ אין ספּעציעלער פאָרשונג. טייל מאָל דאַכט זיך אונדז, אַז מיר האָבן מער „טעאָריעס" ווי ערנסטע גוט־געשריבענע ביכער אויף אָט דעם רייכן געביט. ס'איז דעריבער נישט קיין וואונדער וואָס מיר זיינען שטענדיק גרייט אויפצונעמען מיט גרויס דערוואַרטונג יעדע זאַמלונג עסייען וואָס גיט זיך אָפּ מיט יידישער ליטעראַטור פאָרשונג. מיר נייטיקן זיך נאָך אַלץ אין אַ סינטעטישע געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור. מאַקס עריקס בוך איז נאָך אַלץ דאָס איינציקע געשיכטע בוך. און דאָס איז אויך שוין לאַנג פאַרעלטערט.

---

### יידיש אין קאַלעדזש (סוף פון ז' 61)

ווילן דווקא זיך לערנען יידיש; אויך ניט־יידישע סטודענטן וואָס ווילן זיך „פאַריידישן" דורך לערנען מאַמע־לשון דורך שלום עליכמען און פרצן. אַנדערע תלמידים זיינען יונגע אַמעריקאַנער געבוירענע פאַר וועמען יידיש שטעלט מיט זיך פאָר זייער נאָענטע פאַרגאַנגענהייט. גאָר אַנדערע זיינען מיטליעריקע פאַמיליע־מענטשן מיט דערוואַקסענע קינדער, וועלכע ווילן דערוועקן עפּעס אַן איינגעדרעמלטן גייסט וואָס גייט זיי נאָך, זיי ווילן געדענקען דאָס וואָס זיי האָבן שיער נישט פאַרגעסן.

מען דאַרף דאָ אויך דערמאָנען אַז די אַדמיניסטראַציע אין מיין קאַלעדזש דערלויבט נישט קיין קלאַסן מיט ווייניקער ווי צוואַנציק תלמידים.

מען לערנט יידיש אויך אין די אַנדערע קאַלעדזשעס פון לאָס אַנדזשעלעס: יו.סי.־על.איי, ל.א. סיטי קאַלעדזש, היברו יוניאָן קאַלעדזש און יוניווערסיטי אָוו דזשודאַיזם.

ווייזט אויס אַז יידיש פאַרמאָגט אַ צוציונגס־קראַפט, אַז עס פעלט עפּעס אָן יידיש; אַז יידיש באַרייכערט דאָס לעבן, גיט צו פאַרשטענדעניש פאַר דער יידישער געשיכטע און אפילו אין זיך אַליין. יידישע פאָלקס־לידער, מעשיות, שפּריכווערטער באַרייכערן דעם יידישן גייסט.

מען הערט אָפט ריידן אַז יידיש שטאַרבט און אַז יידיש לעבט; יידיש איז קראַנק און יידיש לעבט אויף; יידיש ווערט פאַרגעסן און יידיש ווערט ווידער דערמאָנט. מען הערט אויך אַמאָל זאָגן: „יידיש האָט נישט קיין מזל". אָבער יידיש פאַרמאָגט עפּעס וואָס איז מער ווי מזל — עקשנות: עקשנות צו פאַרזיכערן אונדזערע פאָלקס־אוצרות; גייסטיקע אוצרות אָנגעזאַמלטע במשך טויזנטער יאָרן. אָן זיי וואָלט דאָס יידישע לעבן געבליבן נאַקעט אָרעם.

# I

„פּאָרטרעטן און עטיודן״ — שולמאַנס
נײַ בוך — איז אַ זאַמלונג פֿון עטלעכע
לענגערע מאָנאָגראַפֿיעס וועגן דער ייִדי־
שער ליטעראַטור פֿאַרשונג, אַ גרעסערע
צאָל קירצערע אַרטיקלען וועגן ייִדישע
שרײַבערס וואָס האָבן באַווירקט דאָס ייִדי־
שע לעבן די ערשטע העלפֿט פֿון הײַנטיקן
יאָרהונדערט, און רעצענזיעס וועגן הײַנט־
צײַטיקע שרײַבערס און ביכער. ס'איז
אַן אוצר פֿון אינטערעסאַנטער און היס־
טאָריש וויכטיקער אינפֿאָרמאַציע צע־
שפּרייט איבער 500 זײַטן. עס אָטעמט
מיט וואַרעמקייט און ליבשאַפֿט צום ייִדישן
וואָרט און ייִדישער שעפֿערישקייט. און
הגם כמעט אַלע אָפּהאַנדלונגען אין בוך
האָבן מיר שוין פֿריער געלייענט, ווען זיי
זײַנען געדרוקט געווען אין פֿאַרשיידענע
זשורנאַלן און אין „פֿאָרווערטס״, פֿון
דעסטוועגן מינערט עס ניט פֿון זייער
פֿרישקייט און שעפֿערישן אימפּעט אין
וועלכן דער מחבר האָט זיי לכתחילה גע־
שריבן. אדרבא, עס גיט נאָך צו אַ נײַע
דימענסיע צו די עסייען אין בוך־פֿאָרם.
וואָרעם אליהו שולמאַן איז אַן ענטוזיאַס־
טישער שרײַבער אַפֿילו ווען ער שרײַבט
וועגן דער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור. צי
דאָס איז וועגן אַ נײַ־געפֿונענעם דאָקו־
מענט פֿון 13טן יאָרהונדערט, צי דאָס איז
וועגן אליהו בחורס ראָמאַנען אָדער גאָר
וועגן לעאָ ווינער און זײַן געשיכטע וועגן
דער ייִדישער ליטעראַטור אין 19טן י.ה.
— אין יעדער ליטעראַרישער אַרבעט זײַ־
נער פֿילט מען זײַן ערנסטע באַציונג, זײַן
באַגײַסטערונג און ליבשאַפֿט פּונקט ווי
אין זײַנע ייִנגערע יאָרן, מיטן אונטערשייד
וואָס איצט שײַנט אַרויס פֿון זײַנע רייד
ערודיציע, פֿילאָסאָפֿישע זאַכלעכקייט און
זיכערקייט.

אַזוי, צום בײַשפּיל, ווען מיר לייענען
ערגעץ־ווו בײַם סוף פֿון בוך אַז: „אונ־
דזער ייִדישע ליטעראַטור אין אַמעריקע
לעבט מיטן כוח פֿון אירע דערגרייכונגען
און מיטן ביטחון אַז זי האָט נאָך אַ סך
וואָס צו זאָגן״ — קענען מיר אים גלייבן,
ווײַל מיר ווייסן שוין פֿון פֿריער, אַז ער
קאָן אַזאַ גענעראַליזאַציע לייכט דעקן מיט
זײַן רײַכן וויסן און זײַן נאָענטע באַקאַנט־
שאַפֿט מיט די לעבעדיקע קוואַלן פֿון אַמע־
ריקאַנער ייִדישן לעבן. און אויב עס
קומען טענות פֿון היגע יונגע אומדער־
פֿאַרענע פֿאַרשערס, אַז אונדזער ליטעראַ־
טור איז פֿול מיט אידעאָלאָגיעס, עטיק
און שטייגער און אַז זי גיט זיך ווייניק אָפּ
מיט פּסיכאָלאָגיע און קינסטלערישע שיל־
דערונג, מיט פֿאָרם און סטיל, ווי עס איז
אין אַנדערע ליטעראַטורן, ווײַזט שולמאַן
אָן אויף דעם כסדרדיקן אויפֿקום פֿון נײַע
טאַלאַנטן, ווי אַמאָל „די יונגע״ אין אַמע־
ריקע און אַרום די „ליטעראַרישע מאָנאַט־
שריפֿטן״ אין ווילנע; שפּעטער די „אינ־
זיכיסטן״ אין אַמעריקע און די נײַע גרו־
פּירונגען אין אייראָפּע. אָט די גרופּירונ־
גען און יחידישע שרײַבערס ווי באַקאַנט
האָבן פֿון צײַט צו צײַט באַרײַכערט אונ־
דזער ליטעראַטור סײַ מיט נײַער טעמאַ־
טיק סײַ מיט נײַע פֿאָרמען און סטיל. אויף
דעם זאָגט עדות דער וויכוח צווישן א.
לעיעלעס און ש. ניגער וועגן „אינזיכיזם״
וואָס איז נאָך אין אָנהייב פֿון די צוואַנצי־
קער יאָרן געפֿירט געוואָרן אויף די שפּאַל־
טן פֿון „דער טאָג״ און פֿון דער „פֿרײַע
אַרבעטער שטימע״.

דער ווערט פֿון שולמאַנס נײַעם בוך
ליגט ניט דווקא אין וואָסערע פֿופֿצן באַ־
זונדערע אַנאַליטישע רעצענזיעס און קרי־
טישע אַרטיקלען נאָר, לויט מײַן אײַנדרוק,
אין די פֿופֿצן לענגערע מאָנאָגראַפֿיעס
וועגן ייִדישע וואָרט־קינסטלער און פֿאָר־
שערס וועמענס פּאָזיציעס זײַנען צוליב
פּאָליטישע אָדער לינגוויסטישע טעמים
געוואָרן וואַקלדיק און אפשר אויך ספֿק־
דיק.

מיר וועלן באַטראַכטן בלויז עטלעכע
פֿון די פּאָרטרעטן וואָס דער מחבר באַ־
שרײַבט.

דאָס בוך עפֿנט זיך מיט אַ לענגערן
אַנאַליז פֿון חיים נחמן ביאַליקס פּאָזיציע
אין דער ייִדישער ליטעראַטור בשייכות
מיט זײַן וואַקלדיקער באַציונג צו ייִדיש
און ענדיקט זיך מיט אַ קירצערער פֿרײַנד־
לעכער און מיט דרך ארץ געשריבענער
אָפּהאַנדלונג וועגן רפאל מאַלערס עקש־
נותדיקער און סתירותדיקער באַציונג
צום רוסישן קאָמוניזם און זײַן ליבשאַפֿט
צו ייִדיש און ציוניזם.

ד"ר אליהו שולמאַן זוכט און געפינט אַ זכות פאַר יעדן איינעם וואָס האָט וועגן עס איז מיט עפּעס באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור און איר וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג. מיט גרויס דרך־ארץ שרייבט ער אויך וועגן לעאָ ווינער הגם יענער האָט שפּעטער ניט אָנגעהאַלטן זיין פאַר־בינדונג מיט דער יידישער ליטעראַטור. ער געפינט זכות אָבות פאַר מאיר ווינער און הילל אַלעקסאַנדראָוו, הגם יענע האָבן אויסגעפאָלגט די סטאַליניסטישע ליניע און שפּעטער אַליין געוואָרן קרבנות פון זייער קאָמוניזם. ער געפינט אַ חסד אויף דוד פרישמאַנען, וואָס כאָטש ער האָט זיך באַטייליקט אין דער יידישער ליטעראַטור פון דעסטוועגן האָט ער זיך באַצויגן מיט משכילישער גרינגשעצונג צו יידיש. ער האָט אָבער געליטן צוליב זיין שרייבן יידיש. זיינע פריינד האָבן זיך אָפּגעקערט פון אים ווען שלום עליכמס „פאָלקס ביב־ליאָטעק" האָט אָפּגעדרוקט זיין פּאָעמע „אופיר"" צוזאַמען מיט פּרצעס גרויסער פּאָעמע „מאָניש". פרישמאַנס פּאָעמע האָט אַרויסגערופן אַ טומל צווישן אַ סך העברעישע שרייבערס, ווייל זיי האָבן גע־טענהט אַז דורך אַזעלכע גוטע פּאָעמעס דערהויבט ער דעם „זשאַרגאָן". שולמאַן מיינט אַז אין דעם בראשית פון דער מאָ־דערנער יידישער פּאָעזיע דאַרף פריש־מאַנס פּאָעמע „אופיר" היסטאָריש און קינסטלעריש פאַרנעמען אַ בכבודיק אָרט.

גאַנץ אַנדערש איז מיט ביאַליקס פּאָזי־ציע אין דער יידישער ליטעראַטור מחמת ער ווערט באַטראַכט ווי דער נאַציאָנאַלער פּאָעט פון יידישן פאָלק. זייענדיק דער עיקר אַ העברעישער פּאָעט און בויער פון דער העברעישער ליטעראַטור, האָט ער אויך געשריבן אַ צאָל לידער אויף יידיש. און דאָס צוליב אַ פּשוטן טעם — ביאַליק איז געווען אַ יידישער מענטש, האָט גערעדט יידיש ווי אַלע יידן און איז געווען נאָענט מיט די שעפער פון דער יידישער ליטעראַטור, נאָר זיין באַציונג צו יידיש איז געווען אַן אַמביוואַלענטע: ער האָט יידיש אי ליב־געהאַט, אי ניש. הגם ער פלעגט זיך אָפּט אַרויסזאָגן וועגן יידיש, קיין אויסגעהאַלטנקייט האָט ער אין דעם פּרט ניט אַרויסגעוויזן. „סוף כל סוף", האָט ער איין מאָל געזאָגט, „וועט דער זשאַרגאָן פאַרניכטעט ווערן. פון לעבן וועט יידיש פאַרטריבן ווערן דורך דער לאַנדשפּראַך, און פון דער ליטעראַ־טור — פון אונדזער לשון העברעיש. הלוואי זאָל קומען זיין קץ במהרה בימינו, אָמן." (פון אַ בריוו צו ראַווניצקין).

שאַרף און קלאָר האָט ער זיך אויסגע־דריקט אין 1931 אויף אַ רעפעראַט אין קאָוונע. דאָרט האָט ער אויסגערעכנט אַז „דאָס יידישע פאָלק האָט שוין געהאַט 16 שפּראַכן" און אַז עברי־טייטש איז טאַקע אַ זווג מן השמים, ס'איז אָבער ניט קיין זיווג אויף אייביק. ס'איז בלויז פאַר דער צייט כל זמן העברעיש צוזאַמען מיטן יידישן פאָלק האָבן ניט געהאַט קיין צענ־טער. נאָר איצט (1931) ווען עס איז שוין דאָ אַ צענטער פאַר העברעיש אין ארץ ישראל, איז שוין יידיש פאַר ביאַליקן מער ניט נייטיק... יידיש מוז אונטערגיין. מיר מעגן שוין אויסטאָן די שיך און זיך זעצן שבעה נאָך יידיש..."

ביאַליקס אַ נאָענטער פריינד, שמואל אייזנשטאַט, דערציילט, אַז ביאַליק האָט אים געהאַט געזאָגט אַז: „ווען די שכינה טוט זיך אָפּ פון אים איז ער „דער קלענ־סטער פון די קלענסטע". עס ווייזט אויס אַז ווען ביאַליק האָט דערקלערט אַז יידיש מוז אונטערגיין, אַז דער גזר דין איז שוין אונטערגעשריבן, האָט זיך דעמאָלט די שכינה פון אים אָפּגעטאָן...

פון דעסט וועגן ווייסן מיר אַז ביאַליקס יידישע לידער זיינען ניט נאָר אַן איינ־טעגראַלער טייל פון זיין שאַפונג, נייערט זיי זיינען אויך אַ טייל פון דער יידישער ליטעראַטור — און זיי לעבן און ווירקן אין דער יידיש־יידישער וועלט.

חיים נחמן ביאַליק האָט אָבער נאָך אַ זכות. בשעת ער האָט געלעבט אין אדעס איז די אומגאַנג־שפּראַך צווישן דער יידי־שער אינטעליגענץ געווען רוסיש. ביאַליק האָט אויך געקענט רוסיש און אויך זיין פרוי האָט געקענט רוסיש, פון דעסטוועגן ביי זיי אין הויז איז די אומגאַנג־שפּראַך געווען יידיש. און ווען ער איז געווען אונטערוועגנס איז אויך דער בריוו־אויס־טויש צווישן מאַן און ווייב געווען יידיש.

אָפּגעזען פון זיין עפנטלעכער באַציונג צו יידיש זיינען ביידע, סיי ביאַליק סיי

פרישמאַן געווען אויך יידיש־שרייבער, געשריבן אויף מאַמע־לשון.

גאַנץ אַנדערש איז געווען מיט לעאָ ווינער, מחבר פון „די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט". ער איז ניט געווען קיין יידיש־שרייבער. ס'איז בכלל שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי אַזאַ מענטש האָט געקענט ווערן אַ פּיאָנער אויף אַזאַ געביט ווי יידישע ליטעראַטור־געשיכטע ביים סוף פון פריערדיקן יאָרהונדערט, ווען די צייט איז ניט געווען גינסטיק פאַר יידישיסטיק. אַלץ איז געווען קעגן דעם: די גאַס, זיין היים, זיין פרוי, וואָס האָט געחוזקט פון יידיש און געשיקט זייער זון אין אַ קריסטלעכער זונטיק־שול און ערשט שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען דערוואַקסן, האָט ער געדאַרפט אַליין אויסגעפינען אַז ער איז אַ ייד. די ידיעה, דערציילט דער זון נאָרבערט ווינער, האָט אים אויפגעטרייסלט.

דאָך ווען לעאָ ווינערס מאָנומענטאַלע פּיאָנערישע אַרבעט, געשריבן אין ענגליש, איז אין 1899 דערשינען, איז עס געוואָרן דער הויפּט־מקור פאַר וויטערדיקע שטודיעס. ס'איז איבערגעזעצט געוואָרן אין יידיש, דייטש און רוסיש און מ. פינעס האָט אויף דעם סמך געקראָגן זיין דאָקטאָראַט און אויך איבערגעזעצט דאָס בוך אין פראַנצויזיש. פאַר פאָרשערס און ספּעציאַליסטן איז ווינערס געשיכטע, הגם איצט שוין פאַרעלטערט, נאָך היינט וויכטיק. אַלעקסאַנדער האַרקאַווי האָט בשעתו וועגן דעם געשריבן אַז עס געהערט צו די וויכטיקסטע דערגרייכונגען פונעם יאָרהונדערט, ווייל ווינער האָט זיך געשטעלט דעם ציל צו באַקענען די ניט־יידישע וועלט מיט יידיש, יידישע ליטעראַטור און אירע שעפער. שולמאַן ווייזט אָן די מעלות און חסרונות פונעם געשיכטע בוך.

ביים לייענען די מאָנאָגראַפיעס קומט אויף אַ מין רעטעניש, אַ מיסטעריעז געפיל. בשעת לעאָ ווינער איז פאַראינטערעסירט געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור איז זי, די ליטעראַטור, נאָך געווען רעלאַטיוו אָרעם. זי האָט זיך דאָן ערשט אָנגעהויבן צו צעבליען. דער עלטערער דור שרייבערס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן נייע ווערק; נייע יונגע טאַלאַנטן האָבן זיך באַוויזן סיי אין אַמעריקע סיי אין אייראָפּע. מען האָט דערפילט אַ נייע אויפלעבונג. אָבער פונקט דאָן פאַרלירט לעאָ ווינער זיין אינטערעס אין דער יידישער ליטעראַטור. פאַרוואָס? שולמאַן פאַרנעמט זיך ניט מיט שפּעקולאַציע און שרייבט ניט קיין געשיכטע, מוז ער ניט פאַרענטפערן אַזעלכע קשיות. ער פאַרצייכנט בלויז, אַז ווינער האָט איבערגעריסן מיט דער יידישער ליטעראַטור, מסתמא האָט ער ניט געזען קיין צוקונפט אין דעם.

דערפאַר פאַרגיטיקט שולמאַן דעם לייענער מיט צוויי פּאָרטרעטן פון אַן אַנדער יידישן ליטעראַטור ווינקל — פון סאָוועטן פאַרבאַנד, וואָס האָט אָפיציעל זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון דעם יידיש־היסטאָרישן וועג, אַזוי ווי אַ פרעמדער, פאַררייסענער שבט און איז באַהערשט געוואָרן פון די פּאָליטישע קאָמיסאַרן. שולמאַן גיט אונדז פּאָרטרעטן פון צוויי יידישע פאָרשערס וואָס האָבן באַווירקט די דאָרטיקע ליטעראַטור: הילל אַלעקסאַנדראָוו און מאיר ווינער. דער ערשטער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער פאָרשונג און סטאַליניסטישער באַאַרבונג פון דער יידישער געשיכטע בכלל און דער צווייטער — מיט דער סטאַליניסטישער אינטערפּרעטאַציע פון יידישער ליטעראַטור פאָרשונג און קריטיק.

לויט זייער וויסן און טאַלאַנט האָבן ביידע געקענט אויפטאָן אַ סך מער, נאָר לויט דער פּאַקטישער לאַגע האָבן זיי דאָס ניט געקענט באַווייזן. מילא אַלעקסאַנדראָוו האָט ניט געהאַט קיין ברירה — ער איז געווען אַ דאָרטיקער און האָט געמוזט גיין אין שפּאַן. אָבער מאיר ווינער איז געבליבן אַ רעטעניש. ער האָט געלערנט און געלעבט אין אויסלאַנד, אין ווין און בערלין; זיך אָנגעזאָפּט מיט אַ סך וויסן אין פילאָסאָפיע, קבלה און אין ליטעראַטור בכלל; זיך געחברט און מיטגעאַרבעט מיט מאַרטין בובער, גרשם שלום און זייער גלייכן, און בכלל געווען ווייט פון יידיש. אין 1926 ווערט ער אַ קאָמוניסט און באַזעצט זיך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — גרייט צו דינען דעם נייעם משיח.

שרייבנדיק וועגן דעם פּאָעט ל. קוויטקאָ, פאַרגעסט ניט דער ליטעראַטור־קרי־

טיקער, מאיר ווינער, אַז מען דאַרף גלייכ־
צײַטיק אויך לויבן סטאַלינען:
„לייב קוויטקאָ שרייבט וועגן דעם טיפן
באַוווסטזיין וואָס לעבט אין פֿאָלק, אַז אין
דעם גרויסן פירער סטאַלין איז פֿאַרקער־
פּערט דאָס שטרעבן פֿון די סאָוועטישע
פֿעלקער צום קאָמוניזם.״

ווי עס ווייזט אויס האָט ער געטריי
געדינט די קאָמיסאַרן. מיט דער צייט
האָט ער פֿאַרנומען אַ צענטראַלע פּאָזיציע
ווי אַ פֿאָרשער און ליטעראַטור קריטיקער.

אליהו שולמאַן האַלט אַז אַ טייל פֿון
ווינערס שטודיעס זײַנען עכט, אַנאַליטיש,
אינפֿאָרמאַטיוו און ווערטפֿול, אָבער גאָר
אַ סך זײַנען פֿול מיט סטאַליניסטישע
פּסולת; זײַן הויפּט אינטערעס אין דער
קריטיק איז ניט קיין ליטעראַרישער נאָר
אַ פּאָליטישער. נאָר גראָד זײַנע אייגענע
בעלעטריסטישע ווערק האָבן אַ קינסט־
לערישן ווערט און וועלן בלײַבן אין דער
יידישער ליטעראַטור. אין אָט די ווערק
זײַנע, די היסטאָרישע ראָמאַנען און דער־
ציילונגען, האָט ער אויסגעמיטן די אידעאָ־
לאָגיעס פֿון „פּראָלעטאַרישקייט״ און
„היינטצייטיקייט״, וואָס צוליב דעם טאַקע
האָט מען אָט די ווערק זײַנע דאָרט כמעט
פֿאַרשוויגן. זײַנע פֿאָרש־אַרבעטן אין דער
ליטעראַטור האָט ער שפּעטער צוזאַמענ־
גענומען אין זײַן „געשיכטע פֿון דער יידי־
שער ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט״
וואָס ער האָט באַפֿאַרבט מיטן „אמתן״
סטאַליניזם.

מאיר ווינער האָט געהאַט מזל וואָס ער
האָט אויסגעמיטן דעם גורל פֿון די אַנ־
דערע יידישע שרייבערס — אַנשטאָט
געשאָסן צו ווערן אויף פֿאַרשיקונג אין
סיביר, איז ער געפֿאַלן אויפֿן שלאַכטפֿעלד
פֿאַרטיידיקנדיק מאָסקווע.

אַ לענגערע און גוטע פֿאָרש־אַרבעט
שולמאַנס איז אויך זײַן מאָנאָגראַפֿיע וועגן
דעם אַנדערן סאָוועטיש־יידישן שרייבער
און פֿאָרשער, הילל אַלעקסאַנדראָוו, וואָס
איז געשטאָרבן אין 1972. ער האָט גע־
טיילט דעם זעלבן גורל ווי טייל קאָלעגן
זײַנע — געווען פֿאַרשיקט אין סיביר און
צוריקגעקומען אַ דערשלאָגענער.

אין זײַן אַנאַליטישער שטודיע גיט שול־
מאַן זיך אָפּ מיט די איינצלהייטן פֿון
אַלעקסאַנדראָווס פֿאָרש־אַרבעטן אַרום
דער יידישער געשיכטע און קומט צום
שלוס, אַז אַלע היסטאָרישע שטודיעס וואָס
אַלעקסאַנדראָוו האָט געשריבן פֿ אַ ר דער
פֿאַרשיקונג דאַרפֿן רעווידירט ווערן איי־
דער מען קען זיך באַנוצן מיט זיי.

שולמאַנס „פּאָרטרעטן און עטיודן״ איז
אַ וויכטיק אינפֿאָרמאַטיוו און אינטערע־
סאַנט בוך פֿאַר סטודענטן און בכלל לייע־
נערס פֿון דער יידישער ליטעראַטור.

## II

## אליעזר פּאָדריאַדטשיקס בוך:

„אין פּראָפֿיל פֿון צײַטן״, פֿירט דעם לייע־
נער אומדירעקט אַרײַן אין היכל פֿון דער
אַלטער און נײַער יידישער ליטעראַטור.
אין פּראָפֿיל קען מיינען אויך אַ זײַטיקער
בליק, היסטאָרישע שילדערונגען געזען
פֿון אַ זײַט. פֿון דעסטוועגן, ווי אַזוי מיר
זאָלן נאָר נישט קוקן, שוין דער ערשטער
אַרײַנבליק אין אינהאַלט־פֿאַרצייכעניש
וועקט אונדזער נײַגיר — אַזעלכע טרעפֿ־
לעכע אונטערקעפּלעך: „אונטערן פּראָ־
זשעקטאָר פֿון תנכישן שײַן״; „גניזה־
שאַפֿונגען אין דער יידיש־סאָוועטישער
ליטעראַטור״; „היסטאָרישע קוריאָזן״;
„אינטימער ווידעראַנאַנד״, און נאָך און
נאָך אַזעלכע קעפּלעך וואָס אינספּירירן
צו לייענען די עלעגאַנט געשריבענע אָפּ־
האַנדלונגען וועגן איינצלנע שרייבערס
אָדער ווערק, ווי למשל, מענדעלעס ערש־
טע העברעישע דערציילונג „למדו היטב״,
רבי נחמן בראַצלאַווערס „סיפּורי מעש־
יות״, איציק מאַנגערס „פֿון גראָ ביז בלאָ״
און אַנדערע.

טייל עסייען, הגם געשריבן אין פּובלי־
ציסטישן טאָן״, פֿאַרכאַפּן אונדז מיט זייער
ליריק אָדער טראַגיק. דער אָנגענומענער
וויסנשאַפֿטלעך־פֿאָרשערישער סטיל, וואָס
ריינגלט זיך בטבע אַרום מיט באַוואָרע־
נישן, שטערט דאָ לחלוטין נישט דעם
ריטמישן פֿלוס פֿון וואָרט און געדאַנק,
דער סענסיטיווער לייענער קאָן דאָ נישט
פֿאַרפֿעלן צו דערפֿילן דעם ציטער פֿון
מחברס האַנט, ווען ער שרייבט אַזוי
פּראָסט און פּשוט: „איך האָב אין מײַנע
הענט געהאַלטן די בייגעלעך פּאַפּיר אויף
וועלכע מאיר ווינער האָט פֿאַרשריבן זײַנע
געדאַנקען.״ אָט דעם אינערלעכן ציטער

פון יראת הכבוד און אפשיי דערפילט מען יעדעס מאל ווען ער רירט אן די יידיש־סאוועטישע ליטעראטור. ס'איז געוויס א גרויס־טראגישע טעמע, און איינער וואס האט דארט געלעבט אן ערך דרייסיק יאר און נאך דעם מיט גרויסע שוועריקייט פון דארטן זיך ארויסגעריסן, מוז מסתמא בלייבן אמביוואלענט צו אט דער ליטעראטור. נאך מער, ער מוז אפשר אויך ווערן זייער מליץ יושר.

מען דערפילט דאס נישט בלויז אין דעם קאפיטל „שיינענדיקע שפליטערס", וווּ דער מחבר דערציילט אונדז וועגן דעם פענאמען מאיר ווינער נאר אויך אין „א באכט פון התגלות", ווען ער און א סאוועטישער גאסט, דוד האפשטיין, זיצן און טיילן זיך מיט דאס גרויסע געפינס פון וויכטיקע אלטע העברעישע ספרים, וואס ר' שלום דער מוכר ספרים פון טשערנאוויץ האט זיי געטרויט בשעת די סאוועטישע ארמיי האט פארכאפט די שטאט. די צוויי נייע מאראנען, די למד־וואווניקעס, נעמען זיך פאנאנדערטיילן מיטן אוצר און דוד האפשטיין שטעלט אוועק א באדינג: בעת דער חלוקה מוזן זיי רײדן צווישן זיך העברעיש, און ווער עס פארגעסט פארלירט די זכיה אויף א בוך.... נאך א רגע שוויגן פארענטפערט זיך דער גאסט: „איך פערזענלעך האב ממש אן עראטישע באציונג צו העברעיש."

אדער אין קאפיטל „א טאג פון אפענע טירן". פאדריאדטשיק איז געקומען צו גאסט צו איציק קיפניסן אין קיעוו און זיי שמועסן וועגן אלטע ספרים. פון א פארמאכטן גרויסן אלמער נעמט קיפניס ארויס א קליין ספרל, „ספר זכירה", וואס באשטייט פון א פאר צענדליק פיוטים, געשאפענע נאך אין דער צייט פון צווייטן קרייצצוג. — הארכט ווי היינטיק עס קלינגט — זאגט קיפניס. איך וועל לייענען די עברי און איר טייטשט:

„מכל נשארנו ערומים". און פאדריאטשיק כאפט אונטער און טייטשט:

„מיר זיינען פון אלעמען נאקעט געבליבן."

און אזוי פארברענגט פאדריאטשיק אין קיעוו און זאגט צוזאמען מיט קיפניסן פיוט.

לויט ווי אליעזר פאדריאטשיק שילדערט פאר אונדז עטלעכע יידיש־סאוועטישע פאעטן און פראזאיקער האבן זיי אלע זיך געפילט ווי מאראנען: „איך האב מיך געמיט — דערציילט ער — אויסצוזוכן די פארבארגענע שיין אין זייער שאפן. די פאעטן האבן בסתר געפירט א פלירט מיטן תנ"ך, געשעפט פון דארטן פארבן און ריטמען פאר זייער שאפן. תנ"ך אימאזשן און סימבאלן זיינען צעזייט און צעשפרייט אין זייערע ווערק."

ווייסן מיר אז צוליב דעם זיינען יידישע שרייבערס אטאקירט געווארן מיט ביינקייט און גרימצארן פון די סאוועטישע קריטיקערס. דאך האבן טייל פאעטן און פראזאיקער געפונען אן אויסוועג — שרייבן „פאר זיך אליין" — מיטן כוח פון דער האפענונג, אז ס'וועט אפשר אמאל מילדער ווערן. אויך דער קריטיקער און נאוועליסט, מאיר ווינער, האט שפעטער גענומען שרייבן ביאגראפישע און היסטארישע ווערק, ווי וועגן זיין זיידן בנימין און אנדערע, אין וועלכע מ'קען זיך באהאלטן אונטער די שאטנס פון געשיכטע.

אליעזר פאדריאטשיק, דער ליטעראטור פארשער, איז אפשר גערעכט: נאכן גרויסן חורבן דארף מען בעסער אפהיטן די נעמען פון די אומגעבראכטע מארטירערס און זיך נישט גריבלען אין די נעמען פון די מיטלויפערס, פון די וואס האבן געליארעמט: —

„פארגייט, פארגייט, איר אומעטיקע זיידעס,
מיט בערד צעשראקענע, פארלאפענע מיט שניי!
פארגייט, פארגייט, איר אומעטיקע זיידעס."

שפעטער, ווען טייל דיכטער האבן שוין דערפילט די אנקומענדיקע קאטאסטראפע און האבן גענומען זוכן קוואלן פון גייסטיקער גבורה, האט פרץ מארקיש שוין געמעגט זאגן אז „אונדזער ליטעראטור וועט דארפן איבערשאצן דעם באגריף קידוש השם ווי אן אייביקע נאציאנאלע קאטעגאריע.

די קוואלן פון גייסטיקער גבורה האבן זיי געפונען ביי די אלט־פארגאנגענע דורות, ביי די זיידעס, אין דער יידישער ליטעראטור־געשיכטע, וווּ זיי האבן גע־

זוכט און געפֿונען ביישפּילן, טרייסט, האָפֿענונג און אַ מיטל צו פֿאַרדעקן די שפּורן פֿון זייער אומרו, שרעק און אַנטווישונג. אויך אליעזר פּאָדריאַטשיק אין זיין טעמאַטיק ווענדט זיך צו די פֿאַרגאַנגענע דורות. און ס'איז אפֿשר אויך נישט קיין צופֿאַל וואָס בלויז דער 4טער אָפּטייל פֿון זיין בוך, וואָס טראָגט אויך דעם נאָמען „אין פּראָפֿיל פֿון צייטן" איז, ווי ער אַליין זאָגט, געוווען געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד", אָבער די אַנדערע עסייען, נישט.

דאָ האָבן מיר די סקיצן פֿון דער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור - געשיכטע, וואָס טראָגן אין זיך האָפֿענונג און קענען פֿאַרדעקן די שפּורן פֿון זייער היינטיקער אַנטוישונג. דאָ איז מעגלעך פֿאַרן היסטאָריקער צו דערציילן מיט אומשולד וועגן דעם כמעט אומגלייבלעכן אַנטייל, וואָס ייִדישע דענקערס פֿון מיטלאַלטער האָבן גענומען אין דעם קאַמף איינצוברעכן די גייסטיקע דיקטאַטור פֿון דעם פּעאָדאַליזם אין 13טן יאָרהונדערט, ווי ער, פּאָדריאַטשיק, טוט דאָס אין זיין אָפּהאַנדלונג פֿון שם־טובֿ פֿלקירה'ס „ספֿר המבקש (דער אייביקער זוכער פֿון גליק) נישט צו זיין שרעקעוודיק, אַז נישט מיט בעטן און בעטלען קען מען עפּעס וואָס דעראָבערן, נאָר מיט קאַמף און זיג.

דאָס זעלבע איז אויך מיט די אַנדערע עסייען פֿון פֿערטן אָפּטייל, ווי „די ייִדישע ליטעראַטור און די גניזה", „אליהו בחור", „היסטאָרישע קוריאָזן", און מענדעלעס „לימדו היטב". אין די פֿינצטערע צייטן פֿון מיטלאַלטער, ווען צוזאַמען מיטן מענטשן איז אויף די שייטערהויפֿנס אויך אומגעבראַכט געוואָרן די מענטשלעכקייט, האָבן ייִדישע דענקערס דאָך געהאַט דעם מוט צו שרייבן וועגן דער אינערלעכער און אויסערלעכער שיינקייט פֿון מענטש און זיך אַוועקשטעלן קעגן אומטאָלעראַנץ און שנאה. דאָס איז דאָך דער זין און מוסר־השכּל פֿון די געפֿונענע גניזה דאָקומענטן, די עלטסטע זעקס ייִדישע פּאָעמען וואָס מען האָט געהאַט געפֿונען אין דעם אַלטן ייִדישן קוואַרטל פֿון קאַיראָ און וועגן וועלכע פּאָדריאַטשיק שרייבט און קלערט אויף אין זיין זאַמלונג עסייען.

ס'איז דאַכט זיך מיר אויך כאַראַקטעריסטיש, וואָס אין לעצטן עסיי פֿון זיין בוך, אין דעם דיאַלאָג מיטן לייענער (מסתמא אַ פּאָליטישער קאָמיסאַר), מוז ער זיך פֿאַרענטפֿערן און פֿאַרטיידיקן פֿאַר זיינע דרייסטע געדאַנקען און אויפֿקלערונגען אין סאָוועטיש היימלאַנד. דער לייענער לאָזט אים ווייסן, אַז די אָפּהאַנדלונגען פֿירן אַוועק אין אַ ווייטער, לאַנג שוין פֿאַרגעסענע וועלט און אַז עס וואָלט בעסער און ניצלעכער געווען זיך אָפּצוגעבן מיט דער נייער ליטעראַטור. דער שרייבער פֿאַרשטייט מסתמא וואָס יענער איז אויסן און גיט אים טאַקע דעם נייטיקן ענטפֿער:

„וואָס אַלזייטיקער מיר וועלן דערקענען און שעצן די פֿאַרגאַנגענהייט, אַלץ טיפֿער און קלאָרער וועלן מיר קענען באַנעמען אונדזער היינט."

אַזאַ פּאַסיקן ענטפֿער וואָלט אפֿילו דער קדוש ישראל צינבערג ע"ה, דער גרויסער היסטאָריקער פֿון דער ליטעראַטור ביי ייִדן און וועלכער איז געווען פֿון די ערשטע דאָרט דערשאָסן צו ווערן, מסתמא זיך נישט געקווענקלט אונטערצושרייבן.

ביידע שרייבערס האָבן כשר פֿאַרדינט דעם כּבֿוד און די פּרעמיע פֿון ייִדישן קולטור קאָנגרעס פֿאַר זייערע באַזונדערע ביטראַגן אויפֿן געביט פֿון ליטעראַטור־קריטיק און ליטעראַטור פֿאָרשונג.

*Greetings from*

**SCHWARTZ PRINTING CO.**

*Printers of the "Heshbon"*

773 Kohler Street

Los Angeles, Calif. 90021

Tel. 624-9378